בס"ד

# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר דברים

נתנדב לזכות יואל בן אסתר רחל

וזג' הינצא יהודית בת אסתר ניסל, וכל יוצאי חלציהם

## פרשת ראה

# הכנה צו חודש אלול

**פרנס השבוע**

לזכר ולעילוי נשמת

חותני היקר והחשוב הרה"ח

מו"ה **משה גדלי'** בן מו"ה **מאיר הלוי** ע"ה

נפ' כ"ב מנחם אב, תשע"ו לפ"ק

ת.נ.צ.ב.ה.



לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה ב"ר**
**יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה,**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער**
**אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשט

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.229.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-033**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**

בשריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

© Copyright 2021 by: TorasAvigdor.org

Email: Director@torasavigdor.org | Telephone: 347.451.0332
Address: 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת ראה

שנה ד'

# הכנה צו חודש אלול

תוכן:

חלק א. קוקן אויף צוריק - חלק ב. קוקן אויף ארום - חלק ג. קוקן אויף פאראויס

## חלק א. קוקן אויף צוריק

### הכנה צו אלול

אין די אמאליגע צייטן - אמאל, מיין איך פאר א הונדערט יאר צוריק - ווען מען האט געבענטשט ראש חודש אלול אין די שולן, איז געווארן א טרייסלעניש, א ציטערניש. אזוי איז עס געווען ווען דער אידישער גאס איז נאך געווען דורכגעווייקט מיט יראת שמים - וויבאלד מ'האט דערמאנט 'אלול', איז שוין געווארן א ציטערניש צווישן די מענטשן. אלול! דער יום הדין קומט שוין אן! דער טאג פון משפט דערנענטערט זיך. און דער גאנצער חודש איז געווען א חודש פון הכנה.

עס זענען געווען גרויסע לייט אין די נישט אזוי ווייטע פארגאנגענהייט וואס פלעגן זיך פירן צו גיין צו געוויסע ערטער אפילו נאך פאר אלול כדי צו ווערן גייסטיש דערהויבן און זיך צו גרייטן פאר די געהויבענע טעג וואס פירן צום יום הדין.

דער אלטער פון סלאבאדקע זצ"ל פלעגט גיין קיין קעלם אינמיטן חודש אב זיך צו גרייטן אויף אלול. דאס איז געווען דער מנהג אויך ביי פיל אנדערע גדולים. אבער סיי ביי די גרויסע און אויך ביי אנדערע אידן, אין די צייט ווען ראש חודש אלול איז אנגעקומען, איז יעדער געווארן פארנומען זיך צו גרייטן. איז אלזא, אז מיר זעען אז אלול קומט שוין אט, אט, דאן דארפן מיר זיך אויך אנהייבן גרייטן פאר דעם יום הדין.

### דאווענען און דאנקען

אצינד ערוועקט זיך די שאלה, איז וואס דארפן מיר יעצט טון? אודאי וועט איר זאגן, מיר גרייטן זיך מיט תשובה. מענטשן וועלן ווערן פארנומען, איך בין זיכער, מיט לערנען ספרים וואס געבן הדרכה אויף ווי אזוי צו תשובה טון. מענטשן וועלן יעצט מער טראכטן פון מצוות. זיי וועלן געבן מער צדקה ווי זיי געבן א גאנץ יאר. זיי וועלן זיך פירן מיט בעסערע מידות. איך בין זיכער אז ערליכע מענטשן זענען באוואוסטזיניג צום דערנענטערנדן טאג פון משפט און זיי וועלן אלע

אויסניצן אלול זיך צו גרייטן.

אבער עס איז דא עפעס פון וואס מיר פארגעסן. ווייל פאר אלעס אנדערש, איידער מיר קומען אן צו דעם טאג ווען מיר וועלן זיך בעטן ביים באשעפער, "**כתבנו בספר החיים** - פארשרייב אונז אינעם בוך פון לעבן," איז די ערשטע זאך: וואס איז מיט דאנקען דעם באשעפער אויף אלעס וואס ער האט אונז געגעבן ביז אהער?

מיר שטייען אלעמאל מיט אן אויסגעשטרעקטע האנט, "געב מיר! געב מיר מער." וואס איז מיט זאגן "איך דאנק דיר" אויף וואס ער האט אונז שוין געגעבן? צי איז דאנקען דעם באשעפער אזא קלייניקייט?

## דער נומער איינס פליכט

אייגנטליך, דאס איז די גרעסטע זאך! מיר געפינען זיך אויף די וועלט פאר איין צוועק און דער צוועק איז וואס דוד המלך לערנט אונז: **טוֹב** - צי ווייסט איר וואס הייסט גוט אויף די וועלט? נישט א גוטע זאך - וואס איז די גוטע זאך אויף די וועלט? **לְהֹדוֹת לַה'** - צו דאנקען צום באשעפער. דאס איז וואס איז גוט אויף די וועלט. און עס איז אזוי גוט, אזוי וויכטיג, אז דאס איז ערווארטעט פון יעדן.

אפילו אן עסקימא אדער א מענטש אין די קאנגא, קענען נישט איגנארירן דעם פליכט. **שֶׁכֵּן חוֹבַת כָּל הַיְצוּרִים**, ס'איז דער פליכט פון אלע לעבעדיגע מענטשן, **לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל** (תפילת נשמת). איר הערט דאס? עס שטייט נישט כל היהודים - אלע אידן. ס'שטייט '**יְצוּרִים**'. יעדער. אן אלטער עסקימא זאל צוזאמרופן זיין ווייב און זיינע קינדער פון צייט צו צייט אינעם איגלו און זיי זאגן, "מיר זענען אצינד צוזאמען; לאמיר פארברענגען א שעה אדער צוויי צו דאנקען דעם באשעפער."

דאגעגן אויב א מענטש וועט אריינטרעטן אינעם נייעם יאר אן צו באשטימען א צייט צו דאנקען דעם באשעפער אויף דאס יאר וואס איז נארוואס פארביי, דאן איז ער דורכגעפאלן אין דעם וויכטיגסטן תפקיד;, נישט נאר פון א איד, נאר פון א מענטש. מיר דארפן אנהייבן זיך באשעפטיגן מיט דאס וואס א גוטער עסקימא דארף צו טון - כאטש דאס. דאס איז נישט בלויז א מידת חסידות, אן אקט פון א צוגעלייגטע עקסטרעמע צדקות, דאס איז דער נומער איינס פליכט.

## דער ספרים שלעפער

נאר ווייל מענטשן זענען נישט טרעניערט - דער באגריף פון לויטערע הכרת הטוב איז אזוי ווייט אוועק פון זייער מח - דערפאר טראכטן זיי אפילו נישט פון אזעלכע זאכן. לאזט מיר אייך דערציילן א קורצע מעשה וואס האט לעצטנס פאסירט. איך בין געגאנגען אויפ'ן 'קינגס הייוועי' און געזען א איד מיט א שיינער שווארצער הוט. ס'איז נישט געווען ווי מיינס, אביסל געבויגן אינמיטן; ס'איז געווען רונדעכיג פון אויבן - אן אמת'ער פרומער איד. און ער האט געהאט א לאנגער גרויער בארד און א קאפאטע, פארשטייט זיך.

אלזא, איך האב אים געזען זיך ארומקוקן, ווי ער איז פארלוירן, האב איך אים געפרעגט צי איך קען אים העלפן. זאגט ער מיר אז ער קומט פון ארץ ישראל און ער פראבירט צו טרעפן דעם באס וואס פארט קיין סיגעט. האב איך אים געזאגט אז איך וועל אים באגלייטן צו די באס סטאנציע און ווייזן דעם וועג.

ער האט געשלעפט א שווערע רענצל, האב איך אים געזאגט, "לאזט מיר עס שלעפן פאר אייך."

האט ער געזאגט, "דאס זענען ספרים." ער האט געמאכט זיכער מיר צו לאזן וויסן וואס ער שלעפט - "ס'איז ספרים." וויכטיגע אינפארמאציע פאר מיר צו וויסן. בין איך געגאנגען מיט אים, שלעפנדיג זיינע ספרים, עטליכע גאסן.

למעשה, צו אנקומען קיין סיגעט מיינט צו נעמען דעם באס וואס פארט קיין 'קאוני איילענד' און דארט וועט ער דארפן טוישן צו אן אנדערער באס - ס'איז א גאנצע געשעפט - איז זענען מיר געגאנגען און ווען איך האב באגעגנט א מענטש וואס איך ווייס אז ער האט א קאר, האב איך אים אפגעשטעלט און געזאגט, "דער מענטש וויל אנקומען קיין סיגעט."

"איך וועל אים נעמען מיט מיין קאר," האט ער זיך אנגעטראגן.

דער מענטש נעמט איבער דאס רענצל פון מיר און פארלאזט מיר; ער גייט אריין אין קאר און געענדיגט. ער זאגט נישט 'יישר כח'. איך בין געווען עלטער פון אים און איך האב געשלעפט זיין רענצל צוויי גאסן, און דאן האב איך אים פארשאפט א קאר קיין סיגעט. ער האט נישט געזאגט 'א דאנק'. גארנישט!

## אן אמת'ע תשובה

למעשה, דער מענטש, בין איך זיכער, ווערט אנגעווארעמט פון חודש אלול און פון די וויכטיגקייט פון זיך גרייטן צום טאג פון משפט. און איך בין זיכער אז אין געוויסע זאכן איז ער א תלמיד חכם -ער איז דאך נישט קיין עם הארץ - און ער האט א השגה אין וואס עס מיינט תשובה טון, און קען זיין אז ער וועט עס טון; זייער גוט! אלע אופנים פון תשובה זענען וויכטיג!

אבער אויב ער האט קיינמאל נישט געלערנט דער פאנדומענטאלער יסוד פון זאגן 'א דאנק', - אויב ער קען אפילו נישט זאגן 'א דאנק' צו אן עלטערער מענטש וואס שלעפט זיין רענצל - וועט ער קיינמאל נישט קענען טון קיין אמת'ע תשובה! ווייל דער יסוד היסודות פון זיין א איד, איז צו זיין א מענטש וואס איז דאנקבאר פאר זאכן וואס ווערן געטון צו אים און ווייל דער באשעפער איז דער וואס טוט אלעס, מיינט עס אז די וויכטיגסטע אויפגאבע פון א איד אויף די וועלט איז צו אנערקענען די חסדי השם וואס ווערן געטון צו אים. דאס איז אזא וויכטיגער זאך, אז איך וועל עס איבער'חזר'ן. פון אלע זאכן וואס ווערן ערווארטעט פון אונז אויף די וועלט, איז די ערשטע זאך דער פליכט צו דאנקען דעם באשעפער!

פארשטייט מיר נישט אומריכטיג - עס זענען דא פיל אויפגאבעס. ס'איז וויכטיג אז מענטשן זאלן לערנען פלייסיג בבא קמא, אויסדריקליך; און בבא מציעא און גיטין און קידושין און כתובות אויך. אויסדריקליך זאלט איר לערנען גמרא. און בין אדם לחבירו; אודאי איז דאס עפעס צו טראכטן דערפון אין חודש אלול - אויב מיר וועלן האבן צייט, וועלן מיר רעדן פון דעם. מיט חשק זאלט איר זיין א מדקדק במצוות; זייער גוט! פיל זאכן זענען וויכטיג צו נעמען אין באטראכט אין דעם חודש. אבער אויפ'ן שפיץ פון די ליסטע איז דער באדערפעניש צו ארויסווייזן דאנקבארקייט צום באשעפער אויף די פארגאנגענע יאר.

## א גאראנטירטע יאר

אלזא, ווען מיר הייבן אן צו טראכטן וואס אלול באדייט פאר אונז, איז אונזער ערשטער פליכט

צו צוריקקוקן אויף די פארגאנגענע יאר און דאנקען דעם באשעפער אז פארגאנגענע יאר האט ער אונז אנגעשריבן א יאר פון לעבן.

לאמיר זאגן אויב מוצאי יום כיפור פון פארגאנגענע יאר זענט איר ארויסגעגאנגען פון בית הכנסת צו אהיימגיין עסן און איר וואלט געטראפן א טעלעגראם אויף אייער טיש וואס איז געשיקט געווארן מן השמים אינפארמירנדיג אייך אז איר האט זוכה געווען בדין; א טעלעגראם פון באשעפער וואס זאגט אייך אז איר גייט באקומען א נייע יאר. איר וואלט געווען איבערגליקליך; איר וואלט געווען איבערגעפילט מיט פרייד צו וויסן אז עס ערווארט אייך א יאר פון לעבן. ווייל קיינער ווייסט נישט; קיינער ווייסט נישט. איך האב געזען אזויפיל פעלער ווען מענטשן האבן פלוצלינג פארלאזט די וועלט, לא עלינו, און דא באקומט איר א פארזיכערונג מן השמים אז איר זענט גאראנטירט א יאר פון לעבן. ווי פרייליך וואלט איר געווען!

אבער איר האט נישט געוואוסט דערפון. איז דערפאר וועט איר פארפאסן די געלעגנהייט צו זיין פרייליך? יעצט זעט איר אז עס איז געווען א טעלעגראם, נאר איר האט נישט געוואוסט דערפון. איז דערפאר, די ערשטע זאך וואס מיר וועלן טון איז צו זיין פרייליך אויף צוריקצואוועגס; איגלאי מילתא למפרע, מיר זענען געווען פרייליכע מענטשן. דאס איז זייער א וויכטיגע נקודה, דרך אגב.

## א יאר פול מיט גוטס

לאמיר זאגן איר זענט א מענטש פון פופציג יאר אלט, צום ביישפיל. "אה! ברוך ה', דאס פופציגסטע יאר האב איך געלעבט." למעשה, א יאר איז נישט בלויז א יאר - עס ענטהאלט אסאך זאכן. געדענקט ווי נאך יום כיפור האבן מיר זיך אראפגעזעצט צו די סעודה מוצאי יום כיפור, ווי געשמאק איז געווען דאס עסן. צי האט איר געטראכט דערפון? דאס איז ווי אזוי עס האט זיך אנגעהויבן - מוצאי יום כיפור. אה! ס'איז געווען א תענוג צו עסן דאן. טראכט פון אלע גוטס וואס האט פאסירט נאכדעם! א גאנץ תשרי!

און דאן איז חשון געקומען און כסלו. טראכט פון אלע חדשים וואס זענען פארביי געגאנגען, איינער נאכ'ן צווייטן, און יעדער חודש ענטהאלט אזויפיל טעג. איר האט געלעבט אין דעם ערשטן טאג פון כסלו און דעם צווייטן טאג און דעם דריטן טאג. טעג אויף טעג האט איר געלעבט!

און דער באשעפער זאגט צו דיר: "איך האב דיר געגעבן מער ווי לעבן. אלע באדערפענישן פאר דיין לעבן האב איך דיר געגעבן. דו האסט געגעסן מאלצייטן כמעט יעדן טאג. דו ביסט געשלאפן אין א בעט כמעט יעדע נאכט. דו ביסט נישט געשלאפן אויף די באן שינעס. און מערסטנס פון זיי זענען געווען געשמאקע נעכט. דו האסט זיך אנגעטון קליידונג און שיך יעדן טאג, און דו האסט זיך ארומגעוואשן פון צייט צו צייט. וואס האסטו נישט געטון?! דו ביסט ארויסגעגאנגען אויף דיינע באדערפענישן יעדן טאג, אפאר מאל אין טאג און אלעס האט פונקציאנירט אן קיין פעלערן."

איר קענט זיך נישט גרייטן אויף ראש השנה, נאר אויב איר קוקט צוריק צום לעצטן ראש השנה, צו וואס עס האט פאסירט פון דאן ביז יעצט. און וויפיל מאל זענט איר געגאנגען צום דאקטער אין די פארגאנגענע יאר? אפילו אויב איר זענט אן איבערגעשראקענע וואס האט ליב צו גיין צו דאקטוירים, עס זענען פארהאן מענטשן אזוי, אבער דאך זענען אינצווישן געווען טעג וואס איר זענט נישט געגאנגען. און מערסטנס פון אונז גייען צומאל אריבער חדשים און יאר אן צו באזוכן א דאקטער. דאס אלעס דארף געגומען ווערן אין באטראכט.

## די הקדמה צו תשובה

"קוק אויף אלעם וואס איך האב געטון פאר דיר," זאגט דער באשעפער, "און אז צוליב די טויזנטער חסדים ביסטו נאך דא. דיינע נירן האבן געארבעט. דיינע דריזן האבן געארבעט. דיין הארץ האט געקלאפט יעדן טאג. דיין בלוט צירקולאציע האט געארבעט."

איר ווייסט וויפיל ניסים עס קומען פאר אין אייער בלוט? און בלויז צוליב די דאזיגע ניסים האט איר עס דורכגעמאכט ביז אהער אינעם יאר.

יעדער פראצעדור אינעם קערפער איז פול מיט ניסים. און עס איז אזוי טיף און באדייטנד אז אויב איר וואלט געגומען די צייט צו טראכטן דערפון, וואלט איר געשטוינט אויף וואס דער באשעפער טוט פאר אונז א גאנצע צייט. מיר דארפן צו זיין פארפלעפט פון די נאכאנאנדע ניסים וואס קומען פאר אין אונזערע טעגליכע לעבנס זינט דעם פארגאנגענעם ראש השנה.

אלזא דאס אלעס, אויב וועט איר עס זאגן צו אנדערע, וועלן זיי לאכן דערפון, ווייל זיי האבן נישט געלערנט די זאכן. זיי האבן געלערנט אז מען דארפט זיך גרייטן מיט שמירת הלשון. זיי האבן געלערנט, אז מען דארפט זיך גרייטן מיט טון מעשים טובים. מען דארף צולייגן מער תורה. דאס אלעס איז ריכטיג, אבער זיי האבן קיינמאל נישט געלערנט די הקדמה, דער אריינפיר צו אלעם. פאר אלעס, נומער איינס, איז צו זאגן, "איך דאנק דיר באשעפער פאר די פארגאנגענע יאר!" דאס איז תשובה!

## טראכטן און דאנקען

אצינד, דאס וועט זיין אונזער ערשטע קבלה אריינגייענדיג אין אלול; דאנקבארקייט! מענטשן רופן מיר אן אויפ'ן טעלעפאן, "וואס זאל איך טון לכבוד אלול?" וואס איז די שאלה?! אונזערע הענט זענען פול; ס'איז דא אזויפיל ארבעט צו טון ווייל דער באשעפער קוקט אויף אונז און זאגט, "וואס איז מיט די פארגאנגענע יאר? דו האסט פארגעסן פון די גאנצע גליק וואס איך האב דיר געגעבן?"

אלזא, מיר גייען נישט פארגעסן! דאס וועט זיין נומער איינס אויף די ליסטע פאר אלול - מיר גייען באשטימען צייט צו טראכטן און דאנקען. דער באשעפער האט אונז געגעבן אלע סארטן פרייד דורכאויס די פארגאנגענע יאר - מער ווי דריי הונדערט טעג פון פרייד און ניסים - און איידער מיר קענען האבן די חוצפה צו בעטן אויף נאך א יאר, גייען מיר ווערן פארנומען דורכאויס דעם אלול צו אויסדריקן פאר'ן באשעפער אונזער דאנקבארקייט פאר די אלע זאכן.

# חלק ב. זיך ארומקוקן

## די ברכות און קללות

אלזא, ווי וויכטיג די נושא פון 'טוב להודות' איז ווען מיר רעדן פון זיך דערנענטערן צום יום הדין, איז וויכטיג ארויסצוברענגען נאך א געוואלדיגער יסוד פון וואס עס דארף זיין אין אונזער געדאנקענגאנג; נאך א השקפה אינעם מח וואס עס איז כדאי צו קונה זיין אין דעם חודש פון אלול. און דאס איז, ווען מיר קומען זיך שטעלן פאר דעם מלך המשפט אום ראש השנה, ווילן מיר נישט

קומען בלויז מיט אונזערע אייגענע זכותים; מיר ווילן קומען אינאיינעם מיט דאס אידישע פאלק. איך וועל דאס ערקלערן.

אין די וואכעדיגע סדרה ווערט דאס אידישע פאלק באפוילן צו אנטיילנעמען אין א ספעציעלע סענזאציע ביים אריינקומען קיין ארץ ישראל: **וְהָיָה כִּי יְבִיאֲךָ ה' אֱלֹקֶיךָ אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַתָּה בָא שָׁמָּה לְרִשְׁתָּהּ** - ווען דער באשעפער וועט אייך אריינברענגען אין דאס לאנד וואס איר וועט ירש'נען, **וְנָתַתָּה אֶת הַבְּרָכָה עַל הַר גְּרִזִים וְאֶת הַקְּלָלָה עַל הַר עֵיבָל** - דאן זאלט איר איבערגעבן די ברכות אויפ'ן הר גריזים און די קללות אויפ'ן הר עיבל (ראה יא:כט). און אזוי איז עס געווען. ווען זיי זענען אריבערגעגאנגען דעם ירדן האט גאנץ כלל ישראל זיך ארומגעזאמלט ארום די צוויי בערג און עס זענען אויסגערופן געווארן די ברכות און די קללות צו אלעמען; ברכות פאר די וועלכע וועלן נאכגיין די וועגן פון באשעפער און קללות פאר די וועלכע וועלן אפנייגן.

פרעגט זיך די שאלה, פארוואס האט אויסגעפעלט די גאנצע צערעמאניע פון זאגן ברכות און קללות? עס זעט אויס איבעריג, ווייל אלעס וואס איז דארט געזאגט געווארן שטייט דאך שוין אין די תורה פון פריער, און מיר ווייסן אז די וועלכע פאלגן דעם באשעפער וועלן זיין געבענטשט און די וועלכע פאלגן נישט וועלן נישט זיין געבענטשט; דאס איז דער ערשטער יסוד פון די גאנצע תורה.

## געבענטשט דורכ'ן פאלק

מיר פארשטייען אז עס ליגט דא א וויכטיגע נקודה. דער באשעפער האט געוואלט עס זאלן זיין די מענטשן וואס זאגן די ברכות און קללות. ווען זיי זענען זיך צוזאמגעקומען ביים הר גריזים און הר עיבל און געזען זייערע פאלקסלייט ארויסזאגן זייער צופרידנקייט און אומצופרידנקייט פון זייער אויפפירונג, איז עס געווען מיט'ן ציל אז מענטשן זאלן קענען בעאיינפלוסט און באווירקט ווערן דורך די געוואלדיגע ציאונגס קראפט פון די ברכות און די קללות פון דאס אידישע פאלק, צו טון וואס דער באשעפער הייסט.. דאס איז א געוואלדיגער לימוד וואס דער באשעפער לערנט אונז אין די וואכעדיגע סדרה: וואס דאס אידישע פאלק טראכט איבער דיר, דאס איז אויך זייער וויכטיג!

דאס איז נאך א לימוד אויף אלול, צו פארשטיין די גרויסקייט פון דאס אידישע פאלק און צו שטרעבן צו זיין פארבונדן מיט זיי. ווייל עס איז נישטא עפעס וויכטיגער ביים באשעפער ווי דאס אידישע פאלק, און אונזער פארבינדונג מיט אנדערע אידן איז פון העכסטן וויכטיגקייט ביי אים.

## צוויי יסודות

אין די תורה זענען פארהאן צוויי עיקר יסודות. איינע איז '**בראשית ברא אלקים**' - אז דער באשעפער האט באשאפן די וועלט פון גארנישט. דאס מיינט, אז עס איז נישטא אזא זאך ווי א וועלט; עס איז בלויז דעם באשעפער'ס דיבור. **בִּדְבַר ה' שָׁמַיִם נַעֲשׂוּ** (תהלים לג:ו) - ס'איז בלויז דעם באשעפער'ס ווארט וואס האט גורם געווען דאס מציאות צו עקזיסטירן.

דאס מיינט, אז דער באשעפער איז דער איינציגסטער מציאות. **ה' אלקים אמת**, זאגט דער רמב"ם, מיינט הוא לבדו אמת - ער איז דער איינציגסטער אמת אין די וועלט; ער איז דער איינציגסטער פאקטישער מציאות. מיר זענען נישט אמת. מיר זענען 'קוילנשטאף' (קארבאן דיאקסייד), מיר זענען וואסערשטאף (הידראגען), מיט נאך אפאר באשטאנדטיילן צוגעלייגט. דאס איז פארוואס

מיר ווערן צעגאנגען; אונזערע קערפערס ווערן צעגאנגען און עס פארבלייבט גארנישט. אין א הונדערט יאר פון יעצט - אויסער אויב איר זענט וויניגער ווי צוואנציג יאר אלט - וועט גארנישט פארבלייבן פון אייך. די נשמה איז עפעס אנדערש; דאס גייט צוריק צום באשעפער, אבער דאס איז א פאנדומענטאלע ווארהייט אז פון אלע פון אונז, אין א הונדערט יאר פון יעצט וועט גארנישט זיין. און דאס איז צוליב דעם ווייל עס איז דא בלויז איין אמת'ער מציאות. נאר דער באשעפער איז עכט. אלעס אנדערש איז בלויז דעם באשעפער'ס מחשבה. דאס איז יסוד נומער איינס פון יהדות, **ה' אחד** - דער באשעפער איז אלעס.

## וויכטיגע מענטשן

און וואס איז דער יסוד נומער צוויי? וואס איז דער צווייטער גרעסטער יסוד אין די תורה? דאס אידישע פאלק! דעם באשעפער'ס מחשבה איז קאנצענטרירט בלויז אין איין זאך אין די וועלט, דאס אידישע פאלק. מיר האבן דאס געליינט פאריגע וואך אין די תורה: **הֵן לַה' אֱלֹקֶיךָ הַשָּׁמַיִם** - אט, צום באשעפער געהערן די הימלען, **וּשְׁמֵי הַשָּׁמָיִם** - און אויך אלע ספערן העכער די הימלען, **הָאָרֶץ וְכָל אֲשֶׁר בָּהּ** - און די וועלט און אלעס וואס איז דא אין איר. אבער **רַק בַּאֲבֹתֶיךָ חָשַׁק ה'** - בלויז אין אייערע אור-עלטערן האט דער באשעפער געגלוסט זיי צו ליבן, **וַיִּבְחַר בְּזַרְעָם אַחֲרֵיהֶם**- און ער האט אויסגעוועלט זיינע קינדער נאך זיי. וועלכע קינדער? **בָּכֶם** - אין אייך, **כַּיּוֹם הַזֶּה** - אזוי ווי דער טאג. (דברים י:יד-טו)

אויב זענט איר געטריי צו זיין תורה, דאן זאגט דער באשעפער צו אייך, "די גאנצע ספערן איז מיינס, די אלע ביליאנען וועלטן פון שטערנס געהערן צו מיר, אבער עס איז דו פון וועמען איך טראכט." ווער איז "דו"? דאס מיינט די מענער און פרויען און אינגלעך און מיידלעך פון דאס אידישע פאלק - יעדער איינער פון זיי איז וויכטיגער ווי די גאנצע בריאה. דער באשעפער האט גאר שטארק ליב חיים און דוד און בערל און ירוחם און אלעזר. ער טראכט נאר פון יענטא און חנה און פעלטע און חוה!

איז מר. גרינבערג - דער באשעפער האט דיר ליב מער ווי ער האט ליב די גאנצע ספערן. מר. כ"ץ, מר. רובין, מר. פריעדמאן, מר. שמה און יעדער אנדערש, איר זענט דאס גאנצע אין וואס דער באשעפער איז אינטערעסירט. "יעדער איינער פון אייך," זאגט דער באשעפער, "איז ביי מיר ווי א באליבט קינד!"

## האלט דיינע מעשים ריין

אצינד, אויב דאס איז אמת, אויב כביכול, דעם באשעפער'ס מחשבות, זיינע אינטערעסן און זיין ליבשאפט, זענען אלעס געצילט צו די אידן, איז קענט איר פארשטיין פארוואס עס איז אזוי וויכטיג צו קונה זיין פאר זיך די ברכות פון דאס אידישע פאלק. און דערפאר לערנט אונז די וואכעדיגע פרשה אז כאטש מיר ווייסן אז דער באשעפער פארלאנגט געוויסע זאכן פון אונז, און אז ער בענטשט אונז ווען מיר הארכן אים, דאך איז וויכטיג צו קונה זיין די ברכה אויך פון דאס אידישע פאלק. דער ערשטער יסוד איז דער באשעפער, אבער דער צווייטער יסוד איז אונזער געהויבענע פאלק.

דרך אגב, דאס איז פארוואס עס איז אזוי וויכטיג צו אכטונג געבן אויף מראית עין. נישט נאר האלטן מיר זיך ווייט פון נישט גוטע מעשים ווייל מיר ווילן געפינען חן אין די אויגן פון באשעפער,

נאר אפילו ווען מיר טוען גארנישט שלעכט, געבן מיר אכטונג נישט צו ערוועקן קיין חשד אין די אויגן פון א צווייטן איד. לאמיר זאגן איר ווילט ניצן א טעלעפאן. גייט נישט אריין אין א טריפה'נער רעסטוראנט צו ניצן דעם טעלעפאן ווייל עס זעט אויס אין די אויגן פון מענטשן אז דו ביסט נישט ערליך. כאטש עס איז נישט אמת; דו ביסט אן ערליכער מענטש - דו ווישסט אפ דעם טעלעפאן טרייבל פאר דו לייגסט עס ביי די מויל אריינצורעדן דערין, פונדעסטוועגן, מענטשן זעען דיר אריינגיין און אפשר וועלן זיי טראכטן עפעס.

וועט איר זאגן, "וואס איז דען אויב יענער מענטש איז מיר דן נישט ריכטיג, אויב ער איז מיר חושד? איך ווייס דעם אמת; איך בין אומשולדיג. און דער באשעפער ווייסט אויך. איז ווער גייט אן וואס מיין שכן טראכט?"

ניין. **וִהְיִיתֶם נְקִיִּים מֵה' וּמִיִּשְׂרָאֵל** - איר דארפט זיין אומשולדיג; נישט נאר ביים באשעפער, נאר אויך אין די אויגן פון אנדערע אידן. דאס אידישע פאלק זאל האבן א גוטע מיינונג איבער אייך, ווייל דיין פארבינדונג מיט מענטשן וואס זענען אויסגעוועלט דורכ'ן באשעפער, מיינט אלעס.

## צוזאמען מיט זיי

דאס איז פארוואס א מענטש וואס גייט אוועק פון זיינע מענטשן, א פורש מן הציבור, ווער ווייסט וואס עס וועט פאסירן מיט אים?! אפילו אויב איר זענט זייער א גרויסער צדיק, אבער אויב איר באשליסט, "איך גיי אוועק פון מיינע מענטשן, איך צי זיך אריין אין מדבר אינגאנצן אליין. איך האב נישט קיין פארבינדונגען מיט קיינעם, נאר איך און דער באשעפער אליין." דאן זאגט מען צו אייך, "דו גייסט אין א וועג פון דורכפאל."

מיר זענען נאר אינטערעסירט צו זיין אינאיינעם מיט דאס אידישע פאלק. מיר ווילן זיך דורכקומען מיט פרומע אידן, טראכטן אינאיינעם מיט די פרומע אידן און לעבן צווישן פרומע אידן ווי ווייט מעגליך. צי זיך נישט אוועק צו אנדערע געגנטער, וואו עס זענען פארהאן מער ביימער און מער גראז און ווייניגער אידן. ווי ווייט מעגליך דארף יעדער פראבירן צו וואוינען אין געדעכט באוואוינטע פרומע געגנטער ווייל אונזער צוקומפט איז געוואנדן אין זיך געפינען אינאיינעם מיט דאס אידישע פאלק.

## אן איינטריט קארט צו עולם הבא

איך וועל אייך מיטטיילן מיט עפעס וואס איר האט אפשר קיינמאל נישט געהערט פריער. אויב איר האפט מיט די צייט אנצוקומען צו עולם הבא נאך די הונדערט און צוואנציג יאר, דארפט איר וויסן אז איר וועט קיינמאל נישט באקומען אין אייער אייגענער זכות. אודאי, איינמאל איר קומט אן אהין, וועלן אייערע אייגענע זכותים באשטימען אייער זיץ ארט - צי איר וועט זיצן פון הינטן אדער נענטער צום פארנט - אבער אייער איינטריט רעכט צו עולם הבא איז בלויז דערפאר ווייל איר זענט א מיטגליד פון דאס אידישע פאלק און **כָּל יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא**. יעדער איד וואס געהער צו די פרומע אידישע מענטשן, אויף אים קען מען זאגן כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא. איר קענט דארפן גיין פאר א קורצער באזוך אין גיהנם; קען זיין אז איר וועט זיך דארפן דארט אפשטעלן פאר א קליינע ווײַלע זיך צו רייניגן פון די פלעקן וואס זענען געווארן אויף אייער נשמה דורך אייערע נישט גוטע פירונגען אבער צום סוף וועט איר אנקומען, אינאיינעם מיט אייער פאלק, אין עולם הבא.

דאס איז זייער א וויכטיגע זאך וואס איר לערנט יעצט. איר קענט קיינמאל נישט קונה זיין עולם הבא אינגאנצן אין אייער אייגענער זכות. נאר דורך זיך פירן ווי עס דארף צו זיין און זייענדיג פארבונדן מיט דעם 'כל ישראל', בלייבט איר א פולער מיטגליד מיט'ן אידישן פאלק און איר זענט זוכה צו די הבטחה פון כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא. און דערפאר, די וועלכע זענען פרייליך מיט דעם פאקט אז זיי זענען מיטגלידער פון כלל ישראל, זיי זאגן יעדן טאג 'שלא עשני גוי' און זענען שטאלץ צו זיין פרומע אידן, זיי האבן א פארבינדונג מיט פרומע אידן, זיי זענען די מענטשן וועלכע וועלן ארויסגיין זיגרייך ביי דעם גרויסן יום הדין.

## א וועג פון הכנה

אלזא, אויב עס איז אזוי, דאן דארפן מיר אנערקענען אז פונקט ווי דער גרויסער טאג פון משפט, דער יום הגדול והנורא לעתיד לבא, ווענדט זיך אין אונזער פארבינדונג מיט כלל ישראל, אזוי אויך ווען מיר רעדן פון אלול און פון ווי אזוי זיך צו גרייטן צום טאג פון משפט אויף די וועלט, איז עס גארנישט אנדערש.

אונזער גאנצער צוקומפט אויף די וועלט און אין די קומענדיגע וועלט, ווענדט זיך אין אונזער פארבינדונג מיט דעם כלל ישראל, איז אויב איר ווילט שטיין פאר'ן באשעפער אום ראש השנה ווי ס'דארף צו זיין, איז אייער איינציגסטע האפענונג צו שטיין אינאיינעם מיט כלל ישראל. איר וועט דאס נישט טון אליין. איר וועט זיך באווייזן פאר אים אינאיינעם מיט די זאך וואס ער האט די בעסטע ליב, דאס אידישע פאלק.

דאס איז זייער וויכטיג! מיר קענען זיך נישט ערלויבן צו ווערן גע'משפט ווי איינצלנע מענטשן! אויב ווילן מיר זוכה זיין צו נאך א יאר, וואס יעדער פון אונז וויל, זאלט איר וויסן, אז איר וועט דאס נישט באקומען אין אייער אייגענער זכות. מיר דארפן האבן דעם זכות פון דאס גאנצע כלל ישראל.

דאס איז פארוואס ווען איר שטייט אום ראש השנה און איר בעט זיך ביים באשעפער, "ביטע, **כתבינו בספר החיים**," זאגט מען נישט "כתביני, פארשרייב מיר"; נאר מיר בעטן "פארשרייב אונז". מיר טראכטן פונעם פאלק אלס א שלימות; די טייערע בחורים אין ישיבה, די הייליגע מיידלעך אין שולע, די מאמעס און טאטעס, די צדיקים און די חסידים אינאיינעם מיט אלע ישיבות, אינאיינעם מיט אלע בתי כנסיות, אלע פרומע אידן, אלע ישיבה לייט, כולל יונגעלייט, אלע פרומע פרויען, אלע פרומע מיידלעך. אלע אינאיינעם, אלס אן עם אחד, דאס איז ווי אזוי מיר שטייען פאר'ן באשעפער אום ראש השנה און דערפאר זאגט דער באשעפער, "איך וועל אייך משפט'ן נישט אלס איינצלנע, נאר אלס כלל ישראל; אלס מיין עם סגולה וועמען איך האב ליב אן קיין גרעניץ."

# חלק ג. קוקן פאראויס

## טון אויף למעשה

אלזא, כדי צו מאכן די נקודה מער למעשה'דיג, וואלט כדאי געווען צו אויסשמועסן אפאר פאקטישע משלים פון דעם ענין. ביז אהער האבן מיר גערעדט פון דעם אלגעמיינעם מהות פון זיין צוזאמען מיט דעם כלל ישראל ווען מיר באווייזן זיך פאר'ן באשעפער אינעם יום הדין אבער אויב מיר קענען אויסניצן דעם חודש פון אלול צו צושטעלן דעם ענין צו אונזער טאג טעגליכע לעבנס,

וואלט דאס געוועזן די בעסטע וועג זיך צו גרייטן אויף ראש השנה - נישט בלויז צו רעדן פון זיין איינס מיט אונזער פאלק, נאר צו נעמען שריט צו ברענגען דעם ענין אויף למעשה.

אלזא, יעדער ווייסט אז ואהבת לרעך כמוך איז א כלל גדול בתורה - מיר ווייסן אז דאס איז איינע פון די יסודות'דיגע מצוות - אבער לאמיר זיך נישט אליין נארן; ס'איז אינגאנצן נישט קיין פשוט'ע זאך. און אויב מ'טוט דאס נישט פראקטיצירן דאן וועט מען קיינמאל נישט מקיים זיין די מצוה דורכאויס דעם גאנצן לעבן. איר קענט עס זאגן, איר קענט רעדן איבער דעם, אבער איר וועט עס קיינמאל נישט טון ווייל עס קומט נישט פון זיך אליין.

## ליבשאפט איז אנשטעקיג

אט איז וואס איך האב געהערט פון א גדול בישראל פיל, פיל יארן צוריק. "קלייבט אויס איין מענטש, האט ער געזאגט, "דערציילט אים נישט דערפון אבער דו הייב אן אים ליב צו האבן פונדערוייטנס. קוק אויף זיין פנים - 'אה, איך האב ליב דעם פרומער איד'ס פנים.'" איר דארפט אים גארנישט זאגן. איר מוזט נישט ווערן זיין פריינד. בלויז ארבעט אויף זיך אים ליב צו האבן. מענער זאלן ארבעטן אויף מענער און פרויען זאלן ארבעטן אויף פרויען. האב ליב איין פרוי. זאג איר גארנישט דערוועגן. רוף איר נישט אן צו רעדן מיט איר. בלויז האב איר ליב.

צוביסלעך, צוביסלעך וועט אייער הארץ ווערן אנגעפילט מיט ליבשאפט צו איין איד. און דאס איז אנשטעקיג - נאך א שטיק צייט וועט זיך עס פארשפרייטן אויך צו אנדערע. איר וועט זען אז איר וועט עס קענען אויסברייטערן צו אריינרעכענען נאך מענטשן אויך. איינמאל איר כאפט די זאך, איז גרינג צו פארשפרייטן די ליבשאפט. ס'איז עפעס וואס איר קענט פראקטיצירן א גאנצע צייט אויפ'ן גאס, אפילו מיט פרעמדע.

ווען איר זעט א צווייטן איד, איז דא אזויפיל וואס צו ליב האבן. זיין קאפ איז פארדעקט! צי ס'איז א שווארצער הוט אדער א יארמולקע, אדער א פרוי מיט א שייטל, זענט איר שוין פארקויפט פאר דעם מענטש. "ער איז אונזער'ס! עס גייט מיר נישט אן וואספארא סארט יארמולקע ער טראגט, ער איז דאך מיין ברודער. און אפילו אויב ער איז אן אנהענגער פון אן אנדערער רבי, אדער ער געהער צו אן אנדער קרייז, פונדעסטוועגן, קען איך אנהייבן אים ליב צו האבן שוין פון יעצט."

## דאס הייליגע פאלק

נאך אלעם, ער געהער צו דאס אידישע פאלק. ער איז א פרומער; ער איז פונעם עם קדוש. ער היט שבת? דאס מיינט אז ער איז הייליג. **לֹא תְבַשֵּׁל גְּדִי בַּחֲלֵב אִמּוֹ** - איר זאלט נישט עסן קיין מילך און פלייש צוזאמען, **כִּי עַם קָדוֹשׁ אַתָּה לַה' אֱלֹקֶיךָ**. יא, יעדער איד וואס האלט זיך אפ פון אויסמישן מילך און פלייש אינאיינעם, איז א הייליגער מענטש; מענער און פרויען, זיי זענען אלע הייליג. יעדער וואס האלט זיך אפ פון עסן מאכלות אסורות, ער עסט נאר וואס איז כשר, איז א הייליגער מענטש.

פרויען זענען זייער פארזיכטיג. זיי זאגן פאר זייערע מענער, "כאפ דאס נישט אן!" "דאס איז פליישיג." "דאס איז פארעווע." "דאס איז מילכיג." זי איז ווי דער כהן גדול וואס פארפיגט מיט אלע אנגעלעגנהייטן פונעם הויז על פי דין. דאס איז אן עם קדוש. איר קענט ליב האבן דעם צווייטן איד ווייל ער איז א קדוש.

יעצט זוכט אויך אנדערע גוטע נקודות. ער האט קינדער און ער שטיצט זיי מיט שכר לימוד. זיי גייען צו ישיבות. זיינע מיידלעך גייען צו פרומע מיידל שולעס. ער ערציט א פאמיליע פון פרומע קינדער.

א מאמע וואס איז פארנומען צו האדעווען א פאמיליע פון צדיקים, אינגלעך און מיידלעך, דאס איז א ריזיגע דערגרייכונג! איר זעט א אידישע מאמע שטופן א קינדער וועגעלע, אינעווייניג אינעם וועגעלע געפינען זיך צוויי בעיביס און ביי די זייטן פון די וועגעלע כאפן זיך אן נאך פינף אדער זעקס קינדער, ס'איז דא אזויפיל וואס ליב צו האבן דארט! זי ערציט א צוקומפטיגער דור פון עובדי ה'. איר זאלט טראכטן, 'זיי זענען אלע קדושים!' די שכינה רוט איבער'ן קאפ פון די פרוי. און דאס איז אינגאנצן נישט איבערגעטריבן. דאס איז דער מציאות. דאס איז די אמת. און ווי מער איר וועט פראקטיצירן צו טראכטן אזעלכע מחשבות, אלץ מער זענט איר פארבונדן צו דער צווייטער וויכטיגסטער יסוד אין די וועלט, דאס אידישע פאלק, און אלס מער טוסטו קונה זיין צום יום הדין.

## ווערן איינס

אלזא, דאס איז אינגאנצן א נייע עבודה אויף וואס איר קענט ארבעטן - ווי אזוי איר קוקט אויף אנדערע אידן. איר ווייסט, א ישיבה בחור איז א הערליכע זאך. אויב קוקט איר אויף אים מיט אויבערפלעכליכע אויגן וועט איר נישט באמערקן וואספארא אויסנאם ער איז. צווישן אלע פעלקער אין די וועלט, האבן זיי גארנישט וואס איז אזוי ווי א ישיבה בחור. ער פארברענגט זיין טאג מיט לערנען דעם באשעפער'ס תורה, נישט פארפאטשקענענדיג זיין צייט, ער דרייט זיך נישט ארום מיט נארישקייטן אדער זינדיגע זאכן, אוממאראלישע זאכן. א ישיבה בחור האט גארנישט צו טון מיט מיידלעך; פרומע מיידלעך האבן גארנישט צו טון מיט אינגלעך. זיי רעדן נישט איינער צום אנדערן. ס'איז אן עם קדוש. איר דארפט דאס שעצן.

פרומע מיידלעך זענען דיאמאנטן. די פרומע מיידלעך זענען אומגעווענליך אין די היינטיגע וועלט. זיי זענען אלעמאל געווען אומגעווענליך, אבער היינט בפרט. און אויב איר טראכט פון אלע פרומע מיידל שולעס, טויזנטער פרומע מיידלעך, און אלע פון זיי מיט א חשק צו ערציען תורה'דיגע משפחות. זיי ווילן חתונה האבן און האבן הערליכע קינדער, שומרי מצוות, אינגלעך און מיידלעך. יעדע מיידל, די צוקומפטיגע מאמעס, זענען דיאמאנטן. א דיאמאנט איז גארנישט קיין פארגלייך צו זיי.

אלזא, מיינט נישט אז די מחשבות זענען א קלייניקייט. ווייל ווען איר גייט אויפ'ן גאס און איר זעט פרומע טאטעס און מאמעס, די בית יעקב מיידלעך און די ישיבה בחורים, און איר פראקטיצירט זיי צו ליב האבן, דאס מאכט אייך פארבונדן אינאיינעם מיט זיי. דורך טראכטן גוטס אויף זיי, דורך שפירן א ליבשאפט, זענען מיר צוזאמען מיט זיי. איר זענט אצינד איינס מיט דאס אידישע פאלק!

אצינד האבן מיר צוויי פארשלאגן אויף למעשה כדי צו ווערן איינס מיט דאס אידישע פאלק. מיר גייען פראקטיצירן צו ליב האבן פרומע אידן און מיר גייען טראכטן גוטס אויף זיי כדי צו פארשטערקערן אונזער ליבשאפט און אחדות מיט זיי.

## בענטש און זיי געבענטשט

אצינד נאך איין נקודה, א פראקטישע נקודה. נישט נאר וואס מיר גייען ליב האבן אנדערע אידן

און זיי שעצן און זען זייער גרויסקייט, נאר מיר וועלן זיך אויך איינגעוואוינען זיי צו בענטשן. כדי מיר זאלן זיך קענען אידענטיפיצירן מיט'ן כלל ישראל, איז איינע פון די עצות, צו טון דאס וואס דער באשעפער האט געזאגט צו אברהם (בראשית יב:ג), **וַאֲבָרְכָה מְבָרְכֶיךָ** - איך וועל בענטשן די וועלכע בענטשן דיר. און בלעם האט געזאגט (במדבר כד:ט) **מְבָרְכֶיךָ בָרוּךְ** - די וועלכע בענטשן דיר, וועלן זיין געבענטשט דורך מיר.

איז לאמיר זאגן איר גייט פארביי די סאטמאר'ע ישיבה אדער די באבוב'ע ישיבה אדער ישיבת מיר אדער חיים בערלין, בשעת איר גייט אריבער זאגט איר אזוי: "דער באשעפער זאל שענקען א לאנגע לעבן צו די אלע בחורים וואס לערנען דא. זיי זאלן זיין פריילעך און געזונט און מצליח זיין אין לערנען."

שטעלט זיך נישט אפ דא. "און דער באשעפער זאל געבן פרנסה בריווח און נחת און פרייד צו דער ראש ישיבה" - דערמאנט זיין נאמען - "און זיין רביצין און זיינע זין און טעכטער, און זיינע איידעמער און שנורן און זיינע אייניקלעך." בשעת איר גייט פארביי, זאגט די ווערטער: "און אויך צו אלע מגידי שיעור און אלע כולל אינגעלייט און זייערע ווייבער און קינדער און איידעמער, זייערע טאטעס און מאמעס, אלע זאלן לעבן לאנג און אלע זאלן זיין אינגאנצן געזונט און האבן פרנסה בריווח."

## פרויען ברכות

ווען איר זעט אויפ'ן גאס א גאנצע גרופע אידישע מיידלעך ארויסקומען פון שולע. זיי זענען אנגעטון מיט לאנגע קליידער און לאנגע ארבל. זייער האר איז צוזאמגענומען איידל. און איר בענטשט זיי, "**בָּרְכֵם, טַהֲרֵם, רַחֲמֵי צִדְקָתְךָ תָּמִיד גָּמְלֵם** - באשעפער, ביטע בענטש זיי מיט אלע גוטע זאכן."

שטעלט זיך פאר אז איר טוט עס יעצט למעשה. נישט בלויז וואס איר הערט מיר אויס און ס'געפעלט אייך דער געדאנק, איר וועט דאס איין טאג נעמען אין באטראכט. ניין, ניין; פארגעסט אצינד פון עס נעמען אין באטראכט. טו עס. אלול איז יעצט דא און עס איז נישטא קיין צייט צו אפשטופן.

## הערליכע כשר'ע היימען

און אזוי, ווען איר שפאנט אראפ די גאס, האלט אייערע אויגן געצילט צו די גרויסע מזוזות. און ווען איר זעט איינע, "אה, א ברכה אויף די הויז. '**יברך את בית ישראל!**'" זיי זענען נישט סתם היימען. זיי זענען הייליגע היימען. הערליכע כשר'ע היימען. איז מאכט זיכער זיך אפצושטעלן פאר א מאמענט און בענטשט די וועלכע געפינען זיך אינעווייניג. און זיי ספעציפיש. זאג ווערטער. "רבונו של עולם, ביטע מאך אז יעדער אין די דאזיגע היים זאל בלייבן געזונט. מאך זיי זאלן זיך אלע דורכקומען איינער מיט'ן צווייטן און לעבן פרייליכע און פארזיכערטע לעבנס און זיי זאלן האבן פיל פרנסה. ביטע באשעפער, עס זאלן נישט זיין קיין שום צרות אין די היים."

די קומענדיגע הויז, נאך א גרויסע מזוזה. "זאלן די קינדער אלע מצליח זיין אין ישיבה און זיי זאלן טרעפן גוטע שידוכים. און די עלטערן זאלן זען נחת פון זייערע קינדער. יעדער אין די היים זאל זיין געזונט פאר פיל פרייליכע יארן. זיי זאלן אלע האבן א באקוועמע לעבן און הנאה און נחת

פון זייערע קינדער. אין די היים זאלן נאר זיין שמחות און פרייליכע געלעגנהייטן."

## א גוטע ביזנעס

יעצט לאמיר זאגן איר גייט נישט פארביי; קענט איר עס סייווי זאגן. איר קענט זאגן, "הרב אהרן שעכטער, ראש ישיבה פון חיים בערלין, און זיין רביצין און זיינע זין און טעכטער, איידעמער און שנורן, אלע זיינע כולל אינגעלייט און רמי"ם, זאל דער באשעפער זיי אלע בענטשן מיט אריכת ימים, פרנסה בריווח און נחת פון די קינדער און הצלחה אין תורה." איר זאגט, "הרב פאם זאל זיין געזונט און זיין רביצין און זיינע קינדער, זיינע זין און טעכטער, אלע זאלן לעבן לאנג. זיינע אלע רמי"ם זאלן לעבן לאנג. אלע זיינע כולל אינגעלייט זאלן לעבן לאנג."

און איר זאלט וויסן, ערשטנס פון אלעם איז עס זייער א גוטער ביזנעס. דאס איז א גוטע געשעפט ווייל דער באשעפער האט געזאגט צו אברהם, "איך וועל בענטשן די וועלכע בענטשן דיר." סיי וואס איר זאגט אויף זיי, וועט דיר דער באשעפער בענטשן דערמיט.

אבער עס איז דא א גרעסערע ברכה ווי דאס. ווייל דורכ'ן ווערן א בענטשער, זענט איר מער נישט דער זעלבער מענטש. איר באקומט אינגאנצן אן אנדערער כאראקטער. איר ווערט יעצט ארומגענומען מיט א געוויסער מהות פון ליבשאפט, נישט נאר צו דאס אידישע פאלק, נאר אויך צו די גדולי ישראל און צו די תלמידי חכמים און פאר די לומדים - דאס איז דאס הארץ פון אונזער פאלק. איר זענט אנגעבונדן מיט דעם סאטמאר'ער רב, דער באבוב'ער רב, מיט די ראשי ישיבות, מיט אלע פון זיי.

## א גוטע הכנה

אלזא, דאס קען מען נישט טון א גאנצע צייט, אבער פון צייט צו צייט, איין מאל א טאג, פון יעצט ביז ראש השנה מאך זיכער אוועקצוגעבן בערך צוויי מינוט א טאג צו זאגן אזעלכע ווערטער. פראקטיציר דאס יעדן טאג פון יעצט ביז ראש השנה. דאס איז אייערע אויפגאבן. און נישט סתם בכלליות. דערמאן נעמען. זיי ספעציפיש.

בשעת איר גייט דאס קומענדיגע מאל ארויס אין גאס, מאכט די ערשטע איינגאבע. זאגט עפעס פון א געוויסער גדול בתורה אדער עפעס א ראש ישיבה אדער עפעס א ראש הכולל, א גרויסע ברכה. טו עס גלייך. אנדערש וועט איר פארגעסן און איר וועט זיך אפשר נישט דערמאנען ביז ראש השנה און איר וועט האבן דערלייגט א גלענצנדע געלעגנהייט.

אבער אויב איר טוט עס יא, אויב איר טוט די זאכן וואס מיר האבן דא גערעדט, זאלט איר וויסן אז איר האט זיך ארויסגעלאזט אויף א וועג צו שלימות, און ביים יום הדין ווען איר וועט זיך באווייזן פאר'ן באשעפער, וועט ער קוקן אויף אייך אויף אינגאנצן אן אנדערן וועג. איך גאראנטי דאס - עס וועט מאכן א ריזיגער חילוק. ווען איר וועט זיך באווייזן פאר אים ביים יום הדין, וועט ער זאגן, "אויף דעם וועג ווי אזוי דו האסט געפירט דיין חודש אלול, האסטו געמאכט א גוטע הכנה צום קומענדיגן יאר. דו ביסט איינס מיט דאס אידישע פאלק. דו געהערסט אינאיינעם מיט די צדיקים און חסידים. דו האסט זיי ליב, דו שעצסט זיי און דו לויבסט זיי און דו בענטשסט זיי; און דערפאר וועל איך דיר משפט'ן אינאיינעם מיט זיי פאר א כתיבה וחתימה טובה."

# שאלות ותשובות

## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

### שאלה:

**אויב א מענטש פילט אז ער האט נאכנישט קונה געווען גענוג אין לימוד התורה, ווי אזוי קען מען ערוואַרטן פון אים צו זיין פרייליך ביים אַרבעטן א פולער טאג כדי צו קענען אויסהאלטן זיין משפחה? ער וויל זיצן און שטייגן און ווערן א תלמיד חכם.**

### תשובה:

איר ווייסט, דאס איז דער יצר הרע וואס רעדט. יעדע נאכט, ווען א מענטש קומט אהיים פון די אַרבעט, קען ער כאפן א קורצן דרימל זיך אויפצופרישן און דאן, אויב קען ער לערנען פינף און פערציג מינוט יעדע נאכט, קען ער אויסוואקסן א גרויסער למדן. זאל ער לערנען, לאמיר זאגן, נאר גמרא אליין - נאכאמאל און נאכאמאל, איין פרק, ביז ער קען דעם פרק ישר והפך. ער קען עס לערנען מיט טייטש, אויב ס'פעלט אויס. פון אנהייב ביז'ן סוף זאל ער קענען אדורכדאווענען איין פרק. אויב קען ער עס זאגן ווי אשרי, דאן איז ער אויפ'ן וועג צו הצלחה. דערנאך זאל ער זיך נעמען צו נאך א פרק. ער וועט ווערן איבערראשט - נאך א שטיק צייט וועט ער קענען גאנצע מסכתות.

דערפאר, איז עס נאר דער יצר הרע וואס זאגט דאס! און וואס איז מיט שבת? וואס איז מיט פרייטאג צונאכטס? וואס איז מיט מוצאי שבת? און צומאל דארף מען אויך נישט אַרבעטן זונטאגס. ס'איז דא גענוג צייט ווען צו לערנען, מ'דארף נאר אנהייבן עס אויסצוניצן.

וואס וויל ער? ער וויל האבן לייכטקייט א גאנצן טאג. ער וויל פוסטעווען א גאנצן טאג, דאס איז וואס ער וויל. איז אצינד, וועט ער צוריקגיין אין ישיבה און אנשטאט צו לערנען וועט ער פוסטעווען א גאנצן טאג. ניין, ניין, נארט זיך נישט אליין. מען דארף נישט זיצן אין כולל כדי צו ווערן א תלמיד חכם.

און דערפאר, אויב האט איר די מעגליכקייט צו לערנען יעצט, ניצט אויס סיי וועלכע געלעגנהייט עס קומט אייך אונטער. כל המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ (אבות ג:ו). ווער ס'מאכט זיך צייט צו לערנען, אפילו ווען עס איז שווער צו טרעפן די צייט צו לערנען; ער מאכט זיכער צו לערנען אין זיין פרייע צייט - ביינאכט, שבת, זונטאג, און טייל מענטשן זענען פריי פון די אַרבעט אויך אין די לעגאלע חגאות - וועט ער זען אז מעבירין ממנו עול דרך ארץ, דער באשעפער וועט עס אים מאכן גרינגער און ער וועט אלס תוצאה טרעפן מער צייט צו לערנען. מאכט נוצן פון די געלעגנהייטן וואס דו האסט יעצט! איר וועט ווערן איבערראשט ווי גרויס איר קענט אויסשטייגן אין תורה, בלויז פון לערנען תורה אין אייער פרייע צייט.